אַ רייזע אין קורלאַנד

ס'איז אַ יאָר זעכציק נאָך אונדזער גרויסן חורבן און פֿונדעסטוועגן קען מען ב"ה נאָך טרעפֿן אין פֿאַרשיידענע לענדער סײַ לעבן־געבליבענע, סײַ עמיגרירטע פֿון פֿאַר דער מלחמה, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר די „הויפּט־שבֿטים" פֿונעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. עס איז לעת־עתּה ניט איבעריקס שווער צו געפֿינען – זיי אַלעמען צו לאַנגע געזונטע יאָר – „אַ ריכטיקן פּוילישן ייִדן", „אַ ריכטיקן גאַליציאַנער", „אַ ריכטיקן אוקראַיִנישן ייִדן", אַ „ליטוואַק", אַן „אונגאַרישן" אאַ"וו.

אין די אַלע פֿאַלן איז דער ייִדישער טיפּ (צי באַטראַכט עטנאָגראַפֿיש־פֿאָלקלאָריסטיש צי קולטור־היסטאָריש) אַן אייגנאַרטיק־ייִדישער, וואָס איז לחלוטין ניט אָפּהענגיק אין די הײַנטיקע פּאָליטישע גרענעצן. דער סאַטמאַרער חסיד איז אַן אונגאַרישער ייִד, ניט קוקנדיק וואָס סאַטמאַר (סאַטמער, הײַנט סאַטו־מאַרע) געפֿינט זיך לעת־עתּה אין אַ מלוכה וואָס רופֿט זיך רומעניע. און לעולם איז דער וואָלאָזשינער אַ ליטוואַק, מאַלע וואָס דעם היינטיקן וואָלאָזשין טרעפֿט מען אין אַ לאַנד וואָס הייסט גאָר „בעלאַרוס". די ייִדישע ציוויליזאַציע פֿאַרמאָגט איר אייגענע איבערפּאָליטישע קולטור־היסטאָרישע געאָגראַפֿיע.

ס'נעמט אָבער האַלטן שמאָל ממש מיט אונדזערע שבֿטימלעך, די „אונטער־שבֿטים" (צי אפֿשר איז מער אויפֿן אָרט זיי צו באַטראַכטן פֿאַר „שבֿטי־שבֿטים").

* * *

איין ייִדישער שבֿט אַזאַ שטעלן מיט זיך פֿאָר די **קורלענדער**. קורלאַנד איז אַ שטח וואָס גייט אַרײַן אין הײַנטיקן מערבֿדיקן לעטלאַנד (לאַטוויע), אַ טעריטאָריע וואָס ציט זיך פֿון באַלטישן ים אומגעפֿער ביז צו דער מערבֿדיקער דווינע (אין טייל ייִדישע ייִשובֿים האָט זיך דער טײַך גערופֿן: „די דינע").

אויף געוויס ווייס מען, אַז לפּחות פֿון זינט דעם פֿערצנטן יאָרהונדערט האָבן ייִדן געלעבט אין קורלאַנד (אַמאָליקע יאָרן האָט מען די געגנט גערופֿן אויך ליוואָניע, נאָכן נצחון פֿון די ליוואָנישע ריטער אין צוועלפֿטן יאָרהונדערט).

דער קורלענדער ייִד איז אפֿשר „פֿאָרט אַ ליטוואַק" און דאָס איז קיין חידוש ניט. דער שטח גרענעצט זיך מיט דער ליטע (ווידעראַמאָל געמיינט אין ייִדישן זין) אויף דרום און מזרח. אויבֿ אָנווענדן די ניקאָלײַעווסקע גובערניעס, באַקומט זיך אַז קורלאַנד גרענעצט זיך מיט (פֿון מערבֿ אויף מזרח) קאָוונער, ווילנער און וויטעבסקער גובערניע.

פֿאַראַן אָבער צוויי אַנדערע בולטע השפּעות אין דער קולטור־געשיכטע פֿונעם קורלענדער ייִדן.

ערשטנס: **זאַמעט**, דער מערבֿדיקסטער טייל פֿון דער ייִדישער ליטע בײַם באַלטישן ים, וואָס האָט אַמאָליקע יאָרן פֿאַרמאָגט אַ ספּעציעלן כאַראַקטער און אַ ספּעציעלן הײַנט זייער זעלטענעם אונטערדיאַלעקט פֿון ליטווישן ייִדיש (אַגבֿ: די טעריטאָריע פֿון ייִדישן זאַמעט דעקט זיך נאָר טיילווײַז מיט דער ליטווינישער טעריטאָריע וואָס הייסט זשעמײַטיע און אין טייל שפּראַכן – סאַמאָגישיאַ).

אין זאַמעטער ייִדיש, טרעפֿט מען למשל בכלל ניט דעם „באַוווּסטן ליטווישן עי" (עלעהיי: „ברעיט", „לעיפֿן", „טעירע", „סעיכער" אויף „ברויט", „לויפֿן", „תּורה", „סוחר"). ס'איז אָדער אַן eu אָדער אַן ou. אַזאַ מין ייִדיש האָט מען פֿאַר דער מלחמה געטראָפֿן אין אַזעלכע מערבֿ־ליטווישע שטעטלעך ווי אַשטייגער טאַווריק, סאַלאַנט און פּלונגיאַן. אָט־אָ־דעם „אונטער־נוסח" פֿון ליטווישן ייִדיש האָט פּראַכטפֿול באַשריבן דער גרויסער ייִדישער פֿילאָלאָג יודל מאַרק (1897 – 1975) אין זײַן אַרבעט „אונדזער ליטווישער ייִדיש" (דערשינען אין ערשטן באַנד „ליטע", נ.י. 1951, רעדאַגירט פֿון מ. סודאַרסקי, ר. קאַצענעלענבאָגן, י. קיסין און ב. כּהן).

דער ייִדישער זאַמעט גרענעצט זיך מיט מזרח־פּרײַסן, אַזוי אַרום אַז אַ געוויסע דײַטשישע און דײַטש־ייִדישע השפּעה איז אויך געווען. די העכסט־צונויפֿגעפֿלאָכטענע ייִדישע קולטור פֿון דער שטאָט **מעמל** (הײַנט: קלײַפּעדע), וואָס בײַם באַלטישן ים, פֿאָדערט אַ פֿאַרטיפֿטע פּרט־פֿאָרשונג פֿון וועלכער דער קולטור־היסטאָריקער וועט האָבן אַ סך וואָס אָפּצולערנען, ווי אויך אַ סך פֿאָרשונגס־פֿרייד.

אָט דער שטח, זאַמעט, צו דרום־צו פֿון קורלאַנד, האָט הייסט דאָס אַרויסגעשטראַלט אויף קורלאַנד מיט אַ ספּעציעלער מערבֿ־ליטוויש־ייִדישער השפּעה, וואָס האָט אין זיך סײַ־ווי פֿאַרמאָגט אַ קאָפּיטשקע דײַטש־ייִדישע השפּעה. און דאָס פֿירט אונדז טאַקע צו, צו דעם צווייטן קולטור־קאָמפּאָנענט וואָס בײַ די קורלענדער ייִדן.

דאָס איז די דירעקטע השפּעה פֿון דער דײַטשישער קולטור, און אין דער נײַער צײַט אויך פֿון דער ספּעציפֿישער קולטור פֿון די **דײַטשישע** ייִדן. די צינורות דורך וועלכע אָט די דײַטש־ייִדישע קולטור איז „אַריבערגעשפּרונגען" פֿון

מאַקס ווײַנרײַך

דײַטשלאַנד ביז קיין קורלאַנד דאַרף מען זייער ווײַט ניט זוכן. אַן אָנזעעוודיקע דײַטשישע באַפֿעלקערונג האָט זיך געפֿונען אין אָט דער געגנט פֿון זינט דער אינוואַזיע פֿון די טעוטאָנישע ריטער (אַ צווײַג פֿון די דײַטשישע קרייצפֿאָרער) אין 13טן יאָרהונדערט. און אַפֿילו אין 16טן יאָרהונדערט, ווען דער גרעסטער טייל לעטלאַנד איז געקומען אונטער דער ממשלה פֿון די פּוילישע און ליטווישע מלוכות, איז בשעת־מעשׂה אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ דײַטשיש פֿירשטנטום. הכּלל: ניט נאָר איז אין קורלאַנד געווען אין משך פֿון יאָרהונדערטער אַן אָנזעעוודיקע עטניש־דײַטשישע באַפֿעלקערונג; די דײַטשישע שפּראַך און קולטור זײַנען געבליבן סאַמע פּרעסטיזשפֿול דאָרטן, אַזש ביז צו דער תּקופֿה פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די נאָענטע קאָמוניקאַציע־פֿעדים צווישן דײַטשלאַנד און דעם דײַטשישן מיעוט אין קורלאַנד האָבן מיט זיך „מיטגעטראָגן" אין משך פֿון הונדערטער יאָרן שיער ניט „אַנאַלאָגישע" פֿעדים צווישן דעם דײַטשישן ייִדנטום און די קורלענדער ייִדן. דאָס האָט זיך אַמבולטסטן אָנגעזען נאָך דער „בערלינער השׂכּלה" פֿון 18טן יאָרהונדערט און ווײַטער, ווען דאָס דײַטשישע ייִדנטום האָט זיך שטאַרק אַסימילירט, כּמעט אָנגעוואָרן די ייִדישע שפּראַך, אַריבער אויף דײַטש און אויף פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון רעפֿאָרמירטן יודאַיִזם. דאָס אַלץ האָט שטאַרק געווירקט אויך אין קורלאַנד, הגם דאָ, אין מזרח אייראָפּע האָט דער **רעזולטאַט** ניט געקענט זײַן דער אייגענער, ער האָט געמוזט זײַן אַ ספּעציפֿיש **מזרח־אייראָפּעיִש־ייִדישער**.

אין די אויגן פֿונעם קולטור־היסטאָריקער וואָס סטאַרעט זיך קוקן אויף דער זאַך אָביעקטיוו, זײַנען פֿאַרשטייט זיך ניטאָ קיין „גוטע" און „שלעכטע" קולטורן. און דאָרטן אַוווּ אַ צאָל קולטורן „שטויסן זיך צונויף" אין איין צײַט, אין איין אָרט, בײַ אַן איינאיינציקער גרופּע, שאַפֿן זיך אַלערליי טשיקאַווע און וויכטיקע „קאָנגלאָמעראַטן" וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר ספּעציפֿיש־נײַע גאַנצקייטן, אַפֿילו דעמאָלט ווען די חלקים לאָזן זיך נאָך אײַנציקווײַז דערקענען.

קורלאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַ סך אָנגעזעענע ייִדישע פּערזענלעכקייטן, סײַ רבנישע און סײַ פֿון שיער ניט אַלע מאָדערנע ייִדישע שיטות, ריכטונגען און באַוועגונגען.

אויך „אין דער וועלט פֿון ייִדיש" איז קורלאַנד ניט געבליבן קיין יתום אין דעם מדבר. דאָ וועט קלעקן צו דערמאָנען די שטאָט גאָלדינגען (הײַנט: קולדיגאַ, אַן ערך 125 קילאָמעטער צו מערבֿ־צו פֿון ריגע) וווּ עס איז געבוירן געוואָרן דער חשובֿער געלערנטער אין דער ווילנער „ייִוואָ" זעליג־הירש קלמנאָוויטש (1881 – 1944).

פֿאַראייביקט איז גאָלדינגען מער פֿון אַלצדינג ווי די געבוירן־שטאָט פֿון גרעסטן ייִדישן פֿילאָלאָג פֿון 20טן יאָרהונדערט מאַקס ווײַנרײַך (1894 – 1969), וועמענס לעבנס־אויפֿטוען האָבן בולט משפּיע געווען אויף דעם גורל פֿון דער ייִדישער שפּראַך, סײַ וויסנשאַפֿטלעך סײַ געזעלשאַפֿטלעך. ווײַנרײַך איז געווען דער הויפּט־גרינדער פֿון דעם ווילנער „ייִוואָ" אין 1925 (דער „ייִוואָ" איז פֿאַקטיש געשאַפֿן געוואָרן אין זײַן ווילנער דירה אויף גרויס־פּאָהולאַנקע גאַס 14) און דער הויפּט־גײַסט פֿון ניו־יאָרקער „ייִוואָ" אין משך פֿון די לעצטע קאַרגע דרײַסיק יאָר פֿון זײַן לעבן.

פֿון זײַן מאַרבורגער דיסערטאַציע וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדיש־לימוד (1923) אַזש ביז צו דער דערשײַנונג פֿון זײַן פֿיר־בענדיקן מײַסטערווערק, „די געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך" (שוין נאָך זײַן טויט, אין 1973), האָבן ווײַנרײַכס ווערק באַוויזן ווי אַזוי אַ געניאַלער יחיד קען אויפֿשטעלן אַן „אַקאַדעמישן בנין" אַדאַנק וועלכן געלערנטע וועלן אייביק צוגעצויגן ווערן צו ייִדיש. די פּרשה ווײַנרײַך האָבן מיר אַ סך מאָל אַרומגערעדט אין „פֿאָרווערטס" אין משך פֿון די 90ער יאָרן אין די „קאַפּיטלעך ייִדיש", און וועגן דעם גאָלדינגער גאון וועט ניט זעלטן גיין אם־ירצה־השם די רייד אין די „ווילנער קאַפּיטלעך".

אין הײַנטיקן קאַפּיטל פֿאַלט אָבער דער טראָפּ אויף ווײַנרײַכס היימשטאָט גאָלדינגען, אין די סאַמע טיפֿענישן פֿון קורלאַנד (צווישן ריגע און דעם באַלטישן ים).

אין זײַן ערשטן מײַסטערהאַפֿטן ווערק אויף ייִדיש, זײַנע „שטאַפּלען" (1923), גייט אַרײַן די שטודיע: „דאָס קורלענדער ייִדיש". זי הייבט זיך אָן מיטן פּאַראַגראַף:

„וואָס עפּעס גראָד קורלאַנד? ניטאָ קיין בילכערע ייִדישע דיאַלעקטן? פֿאַראַן. דאָס, פּוילישע ייִדיש, דאָס ליטווישע ייִדיש, דאָס אוקראַיִנישע ייִדיש זײַנען געוויס אַ סך וויכטיקער פֿאַרן אויפֿבוי פֿון דער אַלגעמיין־ייִדישער ליטעראַטור שפּראַך. איך קלער גאָרניט דאָס צו לייקענען. איך וויל נאָר אַרויסרופֿן אַן אינטערעס צו אַ צווײַג פֿון דער שפּראַך וואָס מען לאָזט אַלעמאָל אײַנגאַנצן אויסער אַכט. איך האַלט, אַז דאָס לוינט".

אַגבֿ־אורחא, אין אָט דער וווּנדערלעכער יוגנט־אַרבעט האָט מאַקס ווײַנרײַך דערלאַנגט דעם אויטאָביאָגראַפֿישן זאַץ וואָס איז פֿאַרבליבן אין דער ייִדישער קולטור געשיכטע אַן אייביקע סענסאַציע:

„ס'איז אָנגענומען, ווען מען באַשרײַבט דיאַלעקטן, אַז יעטווידער מחבר זאָל דערציילן זײַן באַציִונג צו דעם דיאַלעקט, וואָס ער באַשרײַבט, בכדי מען זאָל וויסן, אויף וויפֿל מען קאָן זיך אויף אים פֿאַרלאָזן. אַלזאָ: איך בין אַליין אַ קורלענדער און האָב געהערט דאָס קורלענדער ייִדיש פֿון די ייִנגסטע יאָרן. אָבער אַליין האָב איך אויף דעם דיאַלעקט ניט גערעדט, און ווען איך האָב שפּעטער גענומען ריידן ייִדיש..."

* * *

מן הסתּם איז איבעריק צו באַטאָנען, אַז הונדערט יאָר נאָך מאַקס ווײַנרײַכס קורלענדער קינדער־יאָרן, מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָכן אומקום פֿונעם ווײַט גרעסטן רובֿ קורלענדער ייִדן, קען מען זיך ניט ריכטן אויף קיין נסים ונפֿלאָות בײַם אויסזוכן אַזעלכע מקומות.

פֿונדעסטוועגן, איז עס אַ יסודותדיקער טייל פֿון דער פֿאָרשונגס־פּראָגראַם פֿון נײַעם ווילנער ייִדישן אינסטיטוט צו אָרגאַניזירן עקספּעדיציעס וואָס מער און וואָס גיכער, אין די הײַנטיקע הרי־חושך, דאָרטן וווּ עס האָט אַמאָל געשפּרודלט מיט ייִדיש, אויסצוזוכן די לעצטע ייִדן און די לעצטע פֿיזישע שפּורן פֿון מזרחדיקן מלכות אַשכּנז.

האָבן מיר באַשלאָסן דורכצופֿירן אַן איין־וואָכיקע עקספּעדיציע קיין קורלאַנד. אָנגעהויבן האָבן מיר מיט מאַקס ווײַנרײַכס געבוירן־שטאָט אין קורלאַנד.

וואָס האָבן מיר דאָרטן געטראָפֿן?

(סוף קומט)

ווילנער קאַפּיטלען

פֿון הירשע-דוד קאַץ

(סוף, אָנהייב אין פֿאַריקן נומער)

קומען מיר אָן אין שטעטל **גאָלדינגען**, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער ייִדישער פֿילאָלאָג און „ייִוואָ"-גרינדער מאַקס ווײַנרײַך (1894 – 1969). דאָס שטעטל, וואָס רופֿט זיך הײַנט לויטן לעטישן נאָמען **קולדיגאַ**, איז אַ פּרעכטיק שיינס. די אַמאָליקע דײַטש-מעסיקע און צאַריש-רוסישע בנינים פֿלעכטן זיך האַרמאָניש צונויף, ווי אַ מין מערבֿ-מיזרחדיקע מאָזאַיִק. נאָר ווו-ניט-ווו ווערט קאַליע דער אויסזען פֿון אַן אַלט געסל, דאָרט ווו עס שטאַרצט פּלוצלונג אַרויס אַ סאָוועטיש-אַרכיטעקטאָרישע פֿאַרזעעניש. דורכן שטעטל פֿליסט אַדורך מיט יאָגנדיקע שאָרכענישן אַ שלענגלענדיקער טײַך (די ווענטע).

מען האָט אונדז שוין געוואָרנט, אַז דאָ וועלן מיר ניט טרעפֿן קיין לעבעדיקע גאָלדינגער ייִדן. טאָמער לעבט דאָ אַ ייִד, איז דאָס אַן „אָנגעפֿאָרענער", אַ געקומענער פֿון אַן אַנדער אָרט.

נעמען מיר זיך צום „גוטן אָרט", צו די רעשטלעך פֿון אַמאָליקן בית-עלמין. איבעריק צו דערמאָנען, אַז אומעטום, ווו די איינציקע שפּורן פֿון אונדזער חרובֿער ציוויליזאַציע באַשטייען פֿון די געבליבענע מצבֿות, פֿאַלט אָן אַן אימהדיקער טרויער. ס'איז אָבער אַן אַמביוואַלענטער טרויער, מחמת עס שפּירט זיך בעת-מעשׂה אַז **עפּעס וואָס** איז פֿאָרט פֿאַרבליבן, להיפּוך צו די אַלע מקומות אין מיזרח-אייראָפּע, אַוווּ ס'איז קיין סימן ניטאָ, פֿון אַמאָליקן בית-עלמין – אויכעט ניט.

פֿון די פֿאַראַנענע רעשטלעך פֿון אַלטע ייִדישע בית-עלמינס קען מען אַן עולם-ומלואו אָפּלערנען וועגן דער אַמאָליקער ייִדישער ציוויליזאַציע. צודערצו איז עס דאָך אַ ייִדישע זאַך זאָגן קדיש נאָך די געשטאָרבענע.

פֿאַראַן בית-עולמס אין ווײַס-רולאַנד, אַ שטייגער, וואָס פֿון זיי וואָלט מען קענען אָנשרײַבן אַ גאַנצע ייִדישע קולטור-געשיכטע, פֿון די אַמאָליקע ליטוויש-ייִדישע מצבֿות ביז צו די חב"דיש-ליטוויש-חסידישע, די משׂכּילישע, אַסימילאַטאָרישע, פֿרײַ-, מיטל- און שפּעט-סאָוועטישע און נאָך-סאָוועטישע. דאָס איז אָבער אַן אַנדער קאַפּיטל...

אויפֿן אַלטן בית-עולם אין ווײַנרײַך-שטעטל גאָלדינגען זײַנען די מערסטע מצבֿות – ניטאָ. צעראַבעוועט ווי אומעטום אויף אַלערליי בוי-צוועקן.

מערקווירדיק איז אָבער אָט וואָס: די פֿאַרבליבענע מצבֿות האָבן שוין איין מאָל וואָס אונדז צו „דערציילן" בנוגע די קולטור-כּוחות, וועלכע האָבן אין גאָלדינגען אַ השפּעה געהאַט דעמאָלט, ווען דער צוקונפֿטיקער ייִדיש-גאון איז דאָ געווען אַ ייִנגעלע. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן בײַ צוויי מצבֿות.

עפּעס ווי גאַנץ געבליבן שיִער ניט על-פּי נס (אַרום און אַרום זײַנען שוין קיין מצבֿות ניטאָ) איז די גרויסע מצבֿה פֿון **הרבֿ שניאור-זלמן הירשאָוויץ**, דער באַוווּסטער תּלמיד פֿונעם מיסד פֿון דער מוסר-באַוועגונג, ר' ישׂראל סאַלאַנטער (ליפּקין). דאָס איז דער זעלביקער שניאור-זלמן הירשאָוויץ וואָס האָט אויפֿגעשריבן די מוסר-שיעורים פֿונעם סאַלאַנטער, און זיי שפּעטער-צו אַרויסגעגעבן אין זײַן „אבֿן ישׂראל" (1883). אויף דער מצבֿה שרײַבט זיך אַז ר' שניאור-זלמן הירשאָוויץ איז גאָלדינגער רבֿ געווען אין משך פֿון דרײַ-און-פֿופֿציק יאָר, ביז ער איז נתבקש געוואָרן אין תּרס"ד (1904), ד"ה ווען דער עילוי מאַקס ווײַנרײַך איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף.

דאָס איז אַ גרויסאַרטיקע דרײַפֿאַכיקע מצבֿה. אינמיטן: הרבֿ שניאור-זלמן הירשאָוויץ. אויף לינקס: זײַן פֿרוי חיה-שׂרה (ס'שרײַבט זיך מיט שטאָלץ אַז זי שטאַמט פֿון „גדולי מיוחסי ווילנא" – גרויסע רבנים מיוחסים פֿון ווילנע). אויף רעכטס: דעם רבֿס זון, יוסף אריה-לייב.

* * *

טשיקאַווע וואָס עס קען אָפּטאָן דער גורל פֿון אַ בית-עולם. צענדליקער מצבֿות פֿעלן אינצווישן דעם אייביקן רו-אָרט פֿון הרבֿ שניאור-זלמן הירשאָוויץ, דעם טראַדיציאָנעלן מוסרניק און תּלמודישן גאון און – זײַן גאָלדינגער „אָפּאָנענט". די מצבֿה פֿון אָפּאָנענט איז אָבער אויך געבליבן גאַנץ, אַזוי אַרום אַז די צוויי אַמאָליקע בר-פּלוגתּאס איז באַשערט אויך הײַנט „כּסדר אָנקוקן איינער דעם אַנדערן".

ווער איז דאָס דער „אָפּאָנענט"? פֿאַרשטייט זיך, אַז אין קורלאַנד וועט דאָס הייסן דער מאָדערניזירנדיקער דײַטש-אָריענטירטער רבֿ.

דאָס איז **הרבֿ אַהרן הירשמאַן**. להיפּוך צו ר' שניאור-זלמן הירשאָוויצעס מצבֿה, ווו די אויפֿשריפֿט איז אויסגעקריצט אין טראַדיציאָנעלן רבנישן לשון-קודש, מיט די נעמען פֿון די ספֿרים פֿונעם נפֿטר, זײַנען בײַ הרב אַהרן הירשמאַן פֿאַראַן צוויי אויפֿשריפֿטן: אויף אַ מאָדערנעם העברעיִש און – אויף דײַטש. אין דער העברעיִשער אויפֿשריפֿט טרעפֿט מען, למשל, דעם טערמין „רוח היהדות" ('דער גײַסט פֿון יודאַיִזם'), וואָס אַזאַ פֿראַזע וועט מען אין לעבן (און אויך נאָכן לעבן...) אויף קיין טראַדיציאָנעל-רבנישער מצבֿה ניט טרעפֿן. נאָכמער איז אָבער וואָס אויף דער צווייטער זײַט פֿון הרבֿ הירשמאַנס מצבֿה איז פֿאַראַן אַ פֿולע אויפֿשריפֿט אויף דײַטש ווו זײַן נאָמען שרײַבט זיך: Aron Hirschman. אָט דער דײַטש-אָריענטירטער רבֿ איז געשטאָרבן אין 1904, אין זעלבן יאָר וואָס ר' שניאור-זלמן הירשאָוויץ.

אַ רייזע אין קורלאַנד

די שטאָט ריגע

איז וואָס פֿאַר אַן השפּעה האָבן די צוויי גאָלדינגער רבנים געהאַט אויף דעם ייִנגעלע מאַקס, נעמענדיק אין באַטראַכט אַז ער איז געווען ערבֿ בר-מצווה וועןביידע זײַנען געשטאָרבן? דאָס קען אפֿשר איין גאָט אין הימל וויסן. נאָר איינס איז פֿונדעסטוועגן מוטל-בספֿק: אַז די צוויי קאָנקורירנדיקע ייִדישע קולטורן פֿון גאָלדינגען – די טראַדיציאָנעל רבנישע, און די מאָדערניזירנדיק דײַטש-אָריענטירטע; און בפֿרט – דער ווידעראַנאַנד (ווי עס וואָלט זיך אויסגעדריקט דער שפּעטערדיקער ווײַנרײַך) צווישן זיי – האָבן אוודאי און אוודאי אַרויסגערוקט אַ לעבנלאַנגיקן אײַנפֿלוס אויפֿן שפּעטערדיקן ווילנער און ניו-יאָרקער גאון מאַקס ווײַנרײַך, וועמענס מײַסטערישע „געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך" איז אײַנגעזאַפּט אין די צוויי וועלטן פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט און מאָדערנער וויסנשאַפֿט, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין אַ דריטער שיטה, אינעם אַקאַדעמישן ייִדישיזם אין גײַסט פֿון בער באָראָכאָוו. דאָס איז אָבער אויך אַן אַנדער קאַפּיטל...

עד-כּאן מעשׂה גאָלדינגען. אַנדערשוווּ אין קורלאַנד האָט אונדז אָפּגעגליקט צו טרעפֿן לעבעדיקע קורלענדער ייִדן, זיי צו לאַנגע געזונטע יאָר.

* * *

אין ליבאַווע (ליבע, ליבאַו, הײַנט: ליעפּאַיאַ), אַ פּרעכטיקע שטאָט אויפֿן ברעג פֿון באַלטישן ים, ווו עס האָבן פֿאַרן חורבן געלעבט מער ווי זיבן טויזנט ייִדן, איז געבליבן אַ קליינטשיק אָבער אַקטיוו הייפֿעלע ייִדן. פֿון די היגע איז די עלטסטע און אפֿשר אויך די באַליבטסטע: **חנה פֿרידלענדער-זיפּצאָן**. איר ייִדיש איז פֿול מיט אַלע חנען פֿון אַמאָליקן קורלענדער ייִדיש. אַ קראָם רופֿט זיך „אַ בוד", אַ חזן הייסט אַ „זענגער", און דײַטשן הייסן גאָר: „טײַטשן" (געמיינט 'פֿאַרמלחמהדיקע גוטע דײַטשן' צום דיפֿערענצירן פֿון די נאַצי-דײַטשן, מיט אַ דלד). די שפּורן פֿון ליטווישן „סאַבעסדיקן לאָסן" זײַנען קאָנטיק נאָר און בלויז אין ייִדישע ווערטער וואָס שטאַמען פֿון לשון-קודש אָדער אַראַמיש (למשל: „באַשמעדרעס = בית-מדרש).

הענע זינגט אַ סך באַקאַנטע ייִדישע לידער (למשל „יאָמע יאָמע" און „די באָרד") נאָר וואָס – אין אַן עכט קורלענדער נוסח.

די נאַציס און זייערע אָרטיקע לעטישע אַרויסהעלפֿער האָבן אומגעבראַכט שיִער ניט אַלע ייִדן, געבליבן לעבן זײַנען עטלעכע צענדליק. צווישן זיי זײַנען אַמערסטנס באַקאַנט „די עלף ייִדן אין קעלער". אַ גוטער לעט, פֿון די חסידי אומות-העולם, האָט ניט נאָר ריזיקירט מיטן לעבן נאָר איז אַליין אומגעקומען. ער האָט אָבער באַוויזן אויסבאַהאַלטן פֿון די נאַציס עלף ייִדן אין אַ קעלער אונטער אַ בעקערײַ, זיי אַלע נאַכט צוגעטראָגן מאכלים. איינע פֿון זיי, און די איינציקע וואָס לעבט נאָך אין ליבאַווע, איז אונדזער הענע. די בעקערײַ האָט ביז דאָ ניט לאַנג פֿונקציאָנירט. דער קעלער איז פֿון זינט דער מלחמה: פּוסט און ליידיק. מיט טרערן אין די אויגן קוקט הענע אַראָפּ אויף די פֿאַרוואָרלאָזטע טרעפּלעך, וואָס פֿירן אַראָפּ אין קעלער, ווו זי און נאָך צען ייִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביז צו דער באַפֿרײַונג.

אין ווינדאַווע (ווינדע, ווינדאַו, הײַנט: ווענטספּילס), אויך אויפֿן באַלטישן ים, האָבן מיר אויסגעזוכט דעם עלטסטן ווינדאַווער, **שמעון יאַקאָבסאָן**, וועלכער איז דאָ געבוירן געוואָרן אין יאַנואַר 1915. פּונקט ווי די אַנדערע קורלענדער „רעדט ער אויפֿן eu" (ד"ה למשל eukh און greuse אויף „אויך" און „גרויסע"). זײַן גרעסטע הנאה באַשטייט אין שפּאַצירן ביזן בית-מדרש, אַן אומעטיקן און אַ פֿאַרוואָרלאָזטן נאָך פֿאַר דער מלחמה, און אַ רייכער טאָן אויפֿן הויף לעבן דעם בנין.

* * *

די הויפּט-שטאָט פֿון הײַנטיקן לעטלאַנד איז כּידוע ריגע, בשעת די גובערנסקע שטאָט פֿון קורלאַנד איז געווען מיטאַווע (מיטע, מיטאַו, הײַנט – יעלגאַווע).

אין ריגע האָבן מיר אויסגעזוכט ייִדן פֿון איבער גאַנץ קורלאַנד, ווי אויך אַ סך פֿון מערב-מיזרחדיקן שטח לאַטגאַלן (לאַטאַלגיע), פֿון אַזעלכע שטעט ווי דינאַבורג (דווינסק, הײַנט דאַוגאַווּפּילס) און רעזיצע (הײַנט רעזיקנע).

דערציילן וועלן מיר הײַנט מערניט וועגן צוויי הײַנטיקע ריגער.

יוסף צאַל איז איבער די נײַנציק (געבוירן אין יאַנואַר 1909), ער איז אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין דער הײַנטיקער ייִדישער קהילה. אַליין איז ער אַ דווינסקער, אַזוי אַז זײַן ייִדיש איז ניט דער קורלענדער, נאָר נאָענט צום ווילנער. ער דערמאָנט זיך פֿון זײַנע קינדעריאָרן, די רײַסערײַען צווישן די חסידים (ליובאַוויטשער) און די מתנגדים, און מיט אַ דונערדיקן געלעכטער דערציילט ער ווי איינער פֿלעגט רופֿן דעם אַנדערן: „דו סחידישע (מיט אַ כּיוון איבערגעדרייט פֿון: חסידישע) קישקעו!", און יענער פֿלעגט ניט בלײַבן שולדיק אַן ענטפֿער: „אוועק פֿון דאַנעט, מתנגדו!"

מיר פֿרעגן בײַ יוסף צאַל ווי אַזוי בלײַבט ער אַזוי ענערגיש און געזונט אין די נײַנציקער? ער ענטפֿערט, אַז די פֿרייד פֿון זינגען ייִדישע לידער פֿאַרטרײַבט יעדן אומעט און יעדע קרענק, און זינגט אויס פֿאַר אונדז (פֿאַרן ווידעאָ-אַרכיוו פֿון ווילנער ייִדישן אינסטיטוט, הייסט דאָס) אַ צוויי טוץ לידער.

* * *

אויב ניט רעכענען זיך מיט די לעצטנס אָנגעפֿאָרענע אויסלענדישע רבנים, איז אַ סבֿרא אַז עס בלײַבט אין לעטלאַנד אפֿשר איין ייִד וואָס קען נאָך לערנען אַ בלאַט גמרא (אפֿשר איז דאָ נאָך אַ פּאָר...). דאָס איז **ר' זלמן יפֿה** (געבוירן אין 1915), וועלכער ציט זײַן שלשלת היוחסין אַזש פֿון ר' מרדכי יפֿה דעם בעל-הלבֿושים (געלעבט בערך 1535 – 1612).

ר' זלמן יפֿה איז דער ראָש-הקהל פֿונעם בית-מדרש. נאָך שחרית נעמט ער זיך אַלע טאָג צו די ספֿרים. זיצט און לערנט.

□